גלעד צוקערמאַן

# פאַרמאַסקירטע אַנטלייאונג: יידישע לעקסישע השפּעה אויף עברית

„אַ קלוגער פאַרשטייט פון איין וואָרט צוויי“
(בערנשטיין 1908, 243)

## אַריינפיר

די איצטיקע אַרבעט איז געווידמעט דער השפּעה פון יידיש אויף עברית (Ivrit, ישׂראלי, איווריט), די שפּראַך אויף וועלכער מע האָט אָנגעהויבן רעדן אין ארץ־ישׂראל זינט אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. עס וועט אַרומגערעדט ווערן די לעקסישע השפּעה פון יידיש אויף עברית, בפרט וואָס שייך די פאַלן פון דער אַזוי־גערופענער פאַרמאַסקירטער אַנטלייאונג. עס זענען פאַראַן צוויי הויפּט־מינים פאַרמאַסקירטע אַנטלייאונג (יעדערע מיט דריי אונטער־קאַטעגאָריעס):

**א** קאַלקירונג (לייַ־איבערזעצונג, calquing)

1. קאַלקירונג וואָס ברענגט אַריין אַ נייע סעמעמע (סעמאַנטישע לייַ־איבערזעצונגען, semantic loan)
2. קאַלקירונג וואָס ברענגט אַריין אַ נייע לעקסעמע
3. קאַלקירונג וואָס ברענגט אַריין אַ נייע פראַזעמע

**ב** פאָנעטישע קאַלקירונג (פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע, phono-semantic transposition, phonetic calquing)

4. פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע סעמעמע
5. פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע לעקסעמע
6. פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע פראַזעמע

אַ סעמאַנטישע לייַ־איבערזעצונג (זע אויבן נומ. 1) מיינט אַז אַ נייער טייטש („סעמעמע“) ווערט צוגעגעבן צו אַ וואָרט אַדאַנק דער ווירקונג פון אַן אַנדער שפּראַך וואו דאָס פּאַראַלעלע וואָרט האָט אויך אַן אַנדער טייטש. אַזוי אַשטייגער קען דאָס וואָרט שׂרוף ‚פאַרברענט‘ ווערן גענוצט אין עברית אין אַזעלכע אויסדרוקן ווי אוהד שׂרוף ‚אַ גאָר איבערגעגעבענער אָנהענגער‘ עלעהיי ווי אין דעם יידישן אויסדרוק אַ פאַרברענטער חסיד.

אַ קאַלקע איז אַ נייער אויסדרוק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אָדער אַ „לעקסעמע“ (זע אויבן נומ. 2) אָדער אַ „פראַזעמע“ (זע אויבן נומ. 3). אַ ביישפּיל פון אַזאַ מין לעקסעמע איז דאָס ניי־געשאַפענע וואָרט אָפְנָה וואָס אליעזר בן־יהודה׳ס צווייטע פרוי, חמדה, האָט

איינגעפּירט (לויט דער אַנאַלאָגיע mode ׳אופן; מאָדע׳ אויף פראַנצויזיש און דעם אינטערנאַציאָנאַליזם [moda] ׳מאָדע׳ — אויף רוסיש, פּויליש און יידיש). אַ ביישפּיל פון אַ נייער פּראַזעמע וואָס זעצט איבער טייל־נאָך־טייל אַן אויסדרוק פון אַן אַנדער שפּראַך (זע אויבן נומ. 3) איז משוגע על כל הראש אויף עברית (פּגל. מיטן יידישן אויסדרוק משוגע אויפן גאַנצן קאָפּ).

אין די אויבן־דערמאָנטע פאַלן ווערט די אויפנעם־שפּראַך (Traget Language) באַווירקט בלויז סעמאַנטיש, בשעת ווען אין דעם אַנדערן מין פאַרמאַסקירטער אַנטלייאונג, וועלכן איך באַצייכן דאָ ווי ״פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע״, ווירקןביידע אַספּעקטן — אי דער סעמאַנטישער, אי דער פאָנעטישער. מיט אַנדערע ווערטער, פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע מיינט אַ נייער לעקסישער איינס (סעמעמע, וואָרט, אויסדרוק) וואָס שפּיגלט אָפּ סיי דעם באַטייט סיי דעם לפּי־ערכדיקן קלאַנג פונעם פּאַראַלעלן אויסדרוק אין דער אויסגאַנג־שפּראַך (Source Language). דער מעכאַניזם, לויט וועלכן דער נייער איינס ווערט איינגעפירט, איז ענלעך צו דער אַזוי־גערופענער ״פאָלקס־עטימאָלאָגיע״. מ׳קען דעם דאָזיקן מעכאַניזם אילוסטרירן גראַפיש ווי אַ קייט פון עטימאָלאָגישע השפּעות פון דרויסן — פון דער אויסגאַנג־שפּראַך, און פון אינעווייניק — אין דער אויפנעם־שפּראַך גופא (זע פיג. 1).

פיגור 1

אויפנעם־שפּראַך ← אויפנעם־שפּראַך → אויסגאַנג־שפּראַך

מיט פאָנאָ־סעמאַנטישער

טראַנספּאָזיציע

ווי אַ ביישפּיל קען מען דאָ ברענגען דאָס עבריתישע וואָרט צעצוע [tsaa'tsua] וואָס שטאַמט פון דעם תנ״כישן צעצועים וועלכע ס׳ווערט געניצט נאָר איין מאָל (אין דברי הימים־ב׳ 3: 10) און ווערט לויט יהואש געטייטשט ׳בילדערווערק׳. אין עברית באַטייט דאָס וואָרט ׳שפּילכל׳ וואָס איז דער פּועל־יוצא פון דעם יידישן וואָרט צאַצקע, וואָס האָט אַ טיילווייז ענלעכן קלאַנג.

## די פּאָרשונג פון פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע

סיי סעמאַנטישע ליי־איבערזעצונגען, סיי קאַלקעס האָט מען שוין אַ סך מאָל באַהאַנדלט און אפילו גרינטלעך געפאָרשט (זע למשל האַוגען 1950). דאַקעגן זשע וועגן פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע, איז גאָר ניטאָ קיין שום ממשותדיקע פאָרשונגען. מערניט עס ווערט צומאָל דערמאָנט ווי אַ מין קוריאָז, אַזוי למשל בלייבט די דאָזיקע דערשיינונג כמעט אינגאַנצן אומבאַרירט אין אַ גרויסער מאָנאָגראַפיע וואָס איז געווידמעט שפּראַכיקער באַנייאונג און לעקסישער און פראַזעאָלאָגישער באַרייכערונג פון עברית, וואו מע געפינט ניט

מער ווי איין־און־איינציקע דערמאָנונג דערוועגן (זע סיוון 1963: 38-37). די טראַדיציאָנעלע קלאַסיפיקאַציעס פון אַנטלייאונגען (אַ שטייגער האַוגען 1950, אוריאל ווײַנרײַך 1953, דערואַ 1956, גוזמאַני 1973) איגנאָרירן לחלוטין די דאָזיקע דערשיינונג. נאָכמער, פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע קען ניט זײַן צוגעפּאַסט בלויז צו איינער פון די צוויי הויפּט־קאַטעגאָריעס פון אַנטלייאונגען — דהיינו פאַרבייטונג (substitution) און אַרײַנפירונג (importation). דאָס איז דערפאַר ווײַל פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע שטעלט מיט זיך פאָר אי פאַרבייטונג אי אַרײַנפירונג אין דער זעלבער צײַט. די דאָזיקע דערשיינונג ווערט אינקורצן באַהאַנדלט ביי הייד (1954: 90) וואו עס ווערט באַצייכנט ווי calques phonétiques און ביי האַזשעזש (1986: 257) ווערט עס דערמאָנט ווי emprunt-calembour. אין דעם קאָנטעקסט פון קרעאָלישע שפּראַכן (pidgins and creoles) ווערט אונדזער ענין אינקורצן אַרומגערעדט ביי מילהויזלער (1982: 107-101) בתורת multiple origin of lexical material און ביי קים (1989: 352) אַלס lexical conflation. צו דעם קען מען אויך צוגעבן אַז לע־פּאַזש (1974: 49) האָט בשעתו פאָרגעלייגט, אַז ווען ביידע סיי די פאָרעם און סיי באַטייט פון די פּאַראַלעלע איינסן פון צוויי קאָדן פאַלן זיך צונויף, האָט דווקא יענער איינס אַ בעסערן אויסזיכט זיך צו פאַרפעסטיקן אין דעם דריטן קאָד (היינו אין דעם אויפקומענדיקן ״פּרידזשין״ אויפן יסוד פון די ערשטע צוויי שפּראַכן).

## יידיש ווי אַ מקור פון פאָנאָ-סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע אין עברית

יידיש האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָליע אין דער פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע אין עברית (וועגן דער השפעה פון יידיש אויף עברית בכלל זע אַ שטייגער בלאַנק 1956, מאָסקאָוויטש און גורי 1982). אַזוי למשל אינעם פאַל פון סחר מכר ('saxar 'mexer) (אָדער צוליב וואָקאַלן האַרמאָניע ['sexer 'mexer]), וואָס איז אַ נייער אויסדרוק וואָס באַטייט ׳(אומערלעכער) האַנדל, געשעפט׳ (פגל. אויך מיט דעם יידישן געגראַמטן אויסדרוק האַנדל־וואַנדל). דער דאָזיקער אויסדרוק איז אַ צונויפמיש פון דעם יידישן שאַכער־מאַכער מיטן העברעאישן סחר ׳האַנדל׳ און מכר ׳פאַרקויפן׳. יידיש שאַכער מאַכער באַשטייט פון אַ סעמיטישן און אַ גערמאַנישן קאָמפּאָנענט. דער צווייטער טייל מאַכער, האָט עטימאָלאָגיש גאָרניט צו טאָן מיטן העברעאישן מכר. אָבער דער אבי־אבות פון דעם יידישן שאַכער איז אפּנים דער העברעאישער סחר, וואָס איז דווקא דער איינס וועלכער עס ווערט גענוצט אין דער פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע סחר מכר ['saxar 'mexer]. וועקסלער (1990: 31) טענהט, אַז דאָס יידישע וואָרט שאַכער איז אַרײַן פונעם דײַטשן קאָלאָקוויאַליזם Schacher, וועלכער איז אָבער פריער געהאַט אַרײַן אין דײַטש פון דעם יידישן וואָרט [*'saxer] — פגל. יידיש ['misxer], העברעאיש מסחר און העברעאיש סחר, אַזוי אַרום קען מען טענהן אַז די דאָזיקע פאָרמען האָבן דורכגעמאַכט אַ מין ״סימעטרישן״ אַהין־און־צוריק מאַרשרוט צווישן דריי שפּראַכן. אָט־אָ דעם ״צווישנשפּראַכיקן סימעטרישן מאַרשרוט״ קען מען גראַפיש אָפּמשלען אין דער פאָרעם פון אַ קייט (זע פיג. 2):

פיגור 2

**(תנ"כיש) העברעאיש ← יידיש ← דייטש ← יידיש ← עבֿרית**

ענלעכע סימעטרישע אַהין־און־צוריק שפּראַכאַנטלייאונגען זענען פֿאַראַן אויך צווישן אַנדערע שפּראַכן, ווי למשל דער היינטיקער אַראַבישער ['ʔardˤi 'šawki] (׳אַרטישאָק׳) וואָס געוויינטלעך ווערט עס אַרויסגערעדט אין גערעדטן אַראַביש ווי ['ʔardˤi 'šoki]. דאָס איז אַ מין היבריד פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלן וואָרט אַרטישאָק און דעם אַראַבישן ['ʔardˤi(jj)] ׳פֿון דער ערד, ערדענער׳ און ['šawki(jj)] ׳דערנערדיק׳ דער אינטערנאַציאָנאַליזם אַרטישאָק שטאַמט אפֿנים פֿון צפֿון־איטאַליעניש articiocco, פֿון arciciocco פֿון arcicioffo, פֿון איטאַליעניש alcarcioffo*, פֿון דעם אַלט־שפּאַנישן alcarchofa (פֿגל. מיט היינטיקן שפּאַניש alcachofa און מיט פּאָרטוגעזיש alcachofra), די אַלט־שפּאַנישע פֿאָרעם שטאַמט אַליין אָפּ פֿון שפּאַניש־אַראַבישן [ʔalxar'šofa], וועמענס מקור איז דאָס אַראַבישע [ʔalxar'šu:f] ׳אַרטישאָק׳. דערפֿאַר פֿאַרמאַכט דער היינטיקער אַראַבישער ['ʔardˤi 'šoki] דעם סימעטרישן אַהין־און־צוריק אויסטויש צווישן שפּראַכן, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם אַראַבישן [ʔalxar'šu:f] (וואָס, אגבֿ, האָט ניט קיין שום עטימאָלאָגישע שייכות צום היינטיקן ['ʔardˤi 'šoki]). דער אויסבייט צווישן שפּראַכן איז אין דעם פֿאַל פֿאַרלאָפֿן לויט דעם פֿאָלגנדיקן סדר (זע פֿיג. 3):

פיגור 3

**אַראַביש ← שפּאַניש־אַראַביש ← אַלט־שפּאַניש ← איטאַליעניש ←**
**צפֿון־איטאַליעניש ← ← ← אינטערנאַציאָנאַל ← אַראַביש**

אַן אַנדער פֿאַל פֿון פֿאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע וואו יידיש איז די אויסגאַנג־שפּראַך איז דאָס אויבנדערמאָנטע ניי־העברעאישע וואָרט צעצוע, וועלכע שטאַמט גלייכצייטיק אי פֿון דעם יידישן צאַצקע אי פֿון דעם האַפּאַקס לעגאָמענאָן צעצועים (דברי הימים ב׳ 3: 10). יהואש טייטשט עס ווי ׳בילדערווערק׳, וואָס שפּיגלט אפֿנים אָפּ די עטימאָלאָגישע קרובהשאַפֿט צווישן צעצועים און קעקועים (וואָס מיינט אין היינטיקן עבֿרית ׳טאַטואירונגען׳, פֿגל. אַראַביש 'sˤa:ɣa ׳ער האָט געשניצט, געפֿורעמט׳), לויט דבֿ סדן (1989: 35) האָט מען פֿרובירט פֿאַרבינדן צעצועים מיט שעשועים ׳פֿאַרווייַלונגען, שפּילערייַ; ליבלינגען׳ און מיט צאצאים ׳קינדער־און־קינדסקינדער׳. ווי געזאָגט פֿריער, באַטייט צעצועים אין עבֿרית ׳שפּילעכל׳ אַדאַנק זיין פֿאָנאָ־סעמאַנטישער לפֿי־ערכדיקער געגליכנקייט צום יידישן וואָרט צאַצקע (פֿגל. אויך דעם וואַריאַנט כלומרשט אָן אַ פֿאַרקלענערונג: צאַצע).

אַן אַנדער גוט באַקאַנטע פֿאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע אין עבֿרית, וואָס איז אויפֿגעקומען צוליב דער השפּעה פֿון יידיש, איז דער שורש נדנד. אין תלמוד האָט נדנד געהאַט דעם טייטש ׳רירן, באַוועגן׳, אָבער אין עבֿרית האָט עס צוגעקראָגן אויך דעם באַטייט ׳נודיען׳ טאַקע אַדאַנק יידיש, וואו נודיען (פֿגל. מיטן דרומדיקן מזרח־יידיש [nidʲen]) קלינגט פֿאַרהעלטנישמעסיק נאָענט צו נדנד. ווי באַוואוסט איז די השפּעה פֿון דרומדיקן מזרח־יידיש

אויף עברית גאָר בולט בשייכות מיט דעם אָפּשלאָג פון היסטאָרישע וואָקאַלן 13 און 12, וואו די אַנטליענע פאָרמען פאָלגן נאָך די דרומדיקע מזרח־יידישע u רעאַליזירונג (פגל. אַזעלכע פאָרמען ווי 'vuzvuz, miš'puxe, 'xuxem, 'kuter, 'tuxes, 'duvid, bala'gule אין היינטצייטיקן עברית, פגל. מאָסקאָוויטש און גורי 1982: 71). ס׳איז אָבער וויכטיק צו באַמערקן אַז וואָס שייך די היסטאָרישע וואָקאַלן 51 און 52 (דער היסטאָרישער u קלאַנג וואָס ווערט רעאַליזירט ווי i אָדער :i אין דרומדיקן מזרח־יידיש) ווערט עס אין די דירעקטע אַנטלייאונגען פון יידיש אין עברית רעאַליזירט אויף אַ ״ליטווישן״ אופן (למשל kunts, 'kugel, gut špejt, 'kumzits, 'pupik וואָס שטאַמען פון ׳קום, זיץ [ביים שייטער׳]׳, ׳[ס׳איז שוין] גוט שפּעט׳, ׳קוגל׳, ׳קונץ׳, ׳פּופּיק׳; פגל. אָבער אויך אַזעלכע פאַלן ווי me'šigene ׳צעדרייטער׳ און 'nidžes ׳נודניק׳, — דעם לעצטן פגל. מיט אַראַביש .n.dž.s ׳מאַכן קויטיק׳). אין אַלגעמיין מוז מען באַמערקן אַז דער גאַנצער ענין פאָנאָלאָגיזאַציע פון יידיש־שטאַמיקע לעקסעמען אין עברית איז ביז־איצט נאָך ניט געווען געפאָרשט און מיר האָפן זיך אומצוקערן צו דער וויכטיקער טעמע אין דער צוקונפט.

## אינטערנאַציאָנאַליזמען

די אַזוי־גערופענע פאָנאָ־סעמאַנטישע פּילמקורותדיקע נעאָלאָגיזירונג פּאַסירט זייער אָפט מיט אינטערנאַציאָנאַליזמען (אָדער אייראָפּעאיזמען), היינו יענע לעקסעמען וואָס באַווייזן זיך — מיט פאַרשיידענע שייכותדיקע פאָנעטישע אַדאַפּטאַציעס — אין אַ סך מאָדערנע לשונות. אָפט ווערן זיי באַנומען ווי פרעמדע אָדער אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער אין די פאַרשידענע שפּראַכן גופא. ס׳רוב פון די דאָזיקע לעקסעמען זענען פון לאַטייניש אָדער גריכיש אָפּשטאַם, און אַ טייל זענען אָנגענומען געוואָרן פון ענגליש, פראַנצויזיש אָדער איטאַליעניש. אָבער סינכראָניש זענען זיי פאַרשטייט זיך — אינטערנאַציאָנאַליזמען. די מערהייט אינטערנאַציאָנאַליזמען אין עברית איז אַרייגעקומען פון יידיש, רוסיש, פּויליש, דייטש און ענגליש. בשעת ווי ענגליש איז די וועלט־שפּראַך היינט־צו־טאָג, זענען רוסיש, פּויליש, דייטש און בפרט יידיש — געווען זייער ברייט פאַרשפּרייט צווישן די ערשטע דורות עברית ריידערס.

די פּוריסטישע שפּראַך־באַנייער און שפּראַך־פּלאַנירער פון עברית זענען, דאַכט זיך, אַ סך מער גערן זיך צו ווענדן צו אינטערנאַציאָנאַליזמען ווי אַ מקור פאַר פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע. דער עצם באַגריף ׳אינטערנאַציאָנאַליזם׳ גיט אין די אויגן פון פּוריסטן דעם הכשר פאַר אַ ניי־אַריינגעקומענער לעקסעמע. לויט טאָמאַס (1988), קען מען באַהויפּטן, אַז ״אינטערנאַציאָנאַליזמען שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין דראָונג פאַר דער אומאָפּהענגיקייט און אייניקייט פון אַ שפּראַך״ (טאָמאַס 1988: 104; פגל. 1991: 69). אויך גערדענער (1986: 42) האָט, פאָרשנדיק נינאָרסק, באַמערקט, אַז בשעת ווען מ׳האָט דענישע לײ־ווערטער געפּסלט, האָט מען אָבער אינטערנאַציאָנאַליזמען — יאָ אָנגענומען; ענלעכע דערשיינונג אין סלאָוואַקיש און סלאָוועניש ווערט באַשריבן ביי אַאוטי (1973).

אינטערנאַציאָנאַליזמען לאָזן זיך ניט אַזוי לייכט צו דעפינירן. פונדעסטוועגן, דוכט זיך, אַז אין יענע פאַלן וואו מ׳האָט מער ווי איין שפּראַך ווי אַ מעגלעכער מקור, איז ריכטיקער זיך

צו באַנוצן מיטן באַגריף ״אינטערנאַציאָנאַל״ איידער פּרובירן פעסטצושטעלן די ספּעציפֿישע אויסגאַנג־שפּראַך. אַז מ׳קען ניט דערווייזן אָן ספק אַז דער מענטש וואָס פֿירט איין אַ ניי וואָרט, איז געווען אונטער דער דירעקטער השפּעה פֿון אַ קאָנקרעטער שפּראַך, איז עס סיי קינסטלעך סיי אייבערפּלעכלעך צו באַהויפּטן, אַשטייגער, אַז כבל ['kevel] אויף עברית איז אַ פֿאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע נאָר־און־בלויז פֿון câble אויף פֿראַנצויזיש (ווי עס ווערט פֿאָרגעלייגט פֿון צרפתי 1976: 126). עס וואָלט אויך געווען ניט ריכטיק צו זאָגן אַז כבל באַזירט זיך אויסשליסלעך אויף דייטש Kabel און ענגליש cable (פֿגל. סדן 1955: 41). די מערהייט ערשטע עברית ריידערס זענען דאָך געקומען פֿון רוסלאַנד און פּוילן און דעריבער האָבן זיי געקענט זיך באַניצן מיט דעם וואָרט אונטער דער השפּעה פֿון רוסיש (פֿגל. кабель) און פּויליש (Kabel) א.א.וו.

לאָמיר אַצינד זיך ווענדן צו פֿאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציעס וואָס קאָמבינירן עטימאָלאָגיש סיי העברעאישע סיי אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּאָנענטן (אַריינגערעכנט יידיש). זיי ווערן דאָ אָנגעוויזן לויט די פֿאָלגנדיקע דריי וואָרט־שאַפֿנדיקע קאַטעגאָריעס פֿון פֿאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע (וואָס מ׳האָט שוין דערמאָנט פֿריער):

1. פֿאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע סעמעמע פֿאַר אַ שוין עקזיסטירנדיקער לעקסעמע.
2. פֿאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע לעקסעמע.
3. פֿאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע קאָמבינאַציע (אָדער פּראַזעמע) פֿון שוין עקזיסטירנדיקע לעקסעמען.

## פֿאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע סעמעמע

לאָמיר באַטראַכטן דאָס וואָרט תייר [ta'jar] אויף עברית וואָס איז טייטש ׳טוריסט׳. אין תלמוד האָט תיר באַטייט ׳וועגווייזער׳. דאָס צוקומען פֿון דעם טייטש ׳טוריסט׳ צום וואָרט תייר אין עברית איז אַ פּועל־יוצא פֿון דער טראַנספּאָזיציע פֿונעם אינטערנאַציאָנאַליזם טוריסט (פֿגל. מיט די פֿאָרמען פֿון דעם דאָזיקן וואָרט אין יידיש, רוסיש, פּויליש און ענגליש; אין ענגליש איז דאָס וואָרט דאָקומענטירט אין 1780).

נאָך אַ ביישפּיל איז דאָס וואָרט פּרס אין עברית, וואָס באַטייט ׳פּרייז׳ צוליב דעם אינטערנאַציאָנאַליזם פּרייז (פֿגל. מיט די פֿאָרמען פֿון דעם דאָזיקן וואָרט אין יידיש, רוסיש, דייטש און ענגליש), העברעאיש פְּרָס האָט אין דער משנה באַטייט ׳האַלב לעבל׳ (זע מסכתא כריתות 3: 3) און שפּעטער — ׳לוין, שכר׳, אַזוי אין מסכתא אבות (1: 3) האָבן מיט דעם אויסדרוק שלא על מנת לקבל פּרס, וואָס באַציט זיך צו עמעצן וואָס טוט עפּעס אָן כּוונה צו ווערן באַצאָלט פֿאַר דערפֿאַר. דווקא דער דאָזיקער אויסדרוק איז גוט באַקאַנט צווישן עברית רעדנדיקע אָבער זיי באַנעמען דאָס ווי ׳אוממאָטיווירט צו באַקומען אַ פּרייז, אָדער אַ פּרעמיע׳. אַ סך פֿון זיי גלייבן דעריבער אַנאַכראָניסטיש אַז דער טייטש פֿון ׳פּרייז׳ איז שוין געווען אין דער משנה, בשעת ווען אינדעראמתן איז דאָס ניט מער ווי איבערקערן דעם עטימאָלאָגישן אמת מיטן קאָפּ אַראָפּ.

אַנדערע פֿאַלן פֿון פּאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע סעמעמע אויפֿן יסוד פֿון אַן אינטערנאַציאָנאַליזם זענען יובֿל [jo'vel] ׳יובל׳, כּף [kef] ׳קאַפּ, cape׳, גאון [ga'on] ׳גאון, זשעני׳, סילוד [si'lud]. ׳(מיליטערישער) סאַלוט׳, לבֿה [laba] ׳(וואולקאַנישע) לאַווע׳.

## פּאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע לעקסעמע

לאָמיר באַטראַכטן דאָס וואָרט צוועני [tsoa'ni] ׳ציגינער׳ אויף עבֿרית. עס שטאַמט פֿון דעם אייראָפּעאישן אינטערנאַציאָנאַליזם ציגיינער (פֿגל. אוקראַיִניש цигaн [tsy'han], רוסיש цыган, יידיש ציגיינער [tsi'gajner / tsi'ganer], דייטש Zigeuner). אין דער זעלבער צייט אַלס אינערלעכער מקור פֿון צוֹעֲנִי קענען דינען די פֿאָלגדיקע צוויי העברעאישע ווערטער: 1. תנ״כיש העברעאיש צ ע נ ׳בלאָנדזשען, מיגרירן, וואַנדערן׳; 2. תנ״כיש העברעאיש צֹעַן אַ נאָמען פֿון אַ שטאָט אין אור־אַלטן מצרים (אויף לאַטיין Tanis), אין דעם פֿאַל ווערט איבערגעגעבן די ענגלישע עטימאָלאָגישע פֿאַרבינדונג צווישן Egypt ׳מצרים׳ און Gypsy ׳ציגיינער׳ (אַם פֿריסטן קען מען די שייכותדיקע ענגלישע באַצייכענונג געפֿינען אין 1514 אין דער פֿאָרעם פֿון Egypcyans. מ׳קאָן שטעלן צוויי פֿראַגעס מכּוח דעם פֿאָנעטישן אונטערשייד צווישן צוֹעֲנִי און זיין מזרח־אייראָפּעאישן קאָ־עטימאָן: ערשטנס, פֿאַרוואָס איז עס צוֹעֲנִי און ניט *צִיעֲנִי? און צווייטנס, פֿאַרוואָס איז אין צוֹעֲנִי פֿאַראַן אַ יוד וואָרט־אויס?

אויף ווי ווייט מיר ווייסן, דערשיינט דאָס וואָרט צוֹעֲנִי צום ערשטן מאָל ביי מענדעלע מוכר־ספֿרים אין 1866 (אַבראַמאָוויטש 1866: 177). איך בין משער אַז מענדעלע איז געווען דער שאַפֿער פֿון דעם דאָזיקן וואָרט. לעבנדיק יאָרנלאַנג אויף אוקראַיִנע האָט מענדעלע געדאַרפֿט קענען די אוקראַיִנישע פֿאָרעם цигaн [tsy'han], וועלכע ער האָט אפֿנים אויפֿגענומען ווי אַן ענלעך וואָרט צום לשון־קודשדיקן צֹעַן וואָס איז געוואָרן אַרויסגערעדט ווי [tsejan] אין זיין אייגענעם צפֿון־מזרחדיקן (״ליטווישן״) אויסרייד פֿון העברעאיש. וואָס שייך דעם וואָרט־אויסיקן יוד (היינו צוֹעֲנִי און ניט צֹעַן אָדער צוֹעֵן), איז דאָס אַ גוט באַקאַנטער סופֿיקס וואָס באַצייכנט אַן עטנישע אָדער געאָגראַפֿישע אָפּשטאַמונג (פֿגל. רוסי ׳רוס, רוסיש׳, יהודי ׳ייד, יידיש׳, בריטי ׳בריטיש׳). אַן אַנדער מעגלעכקייט איז די ווירקונג פֿון דער אוקראַיִנישער מערצאָל־פֿאָרעם цигани.

## פּאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע וואָס ברענגט אַריין אַ נייע פֿראַזעמע

ווי אַ ביישפּיל פֿון אַ נייער פֿראַזעמע וואָס ווערט איינגעפֿירט דורך פּאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע קאָן דינען דער ברייט באַוואוסטער פֿאַל פֿון חולי־רע, וועלכער באַשטייט פֿון חולי ׳קרענק׳ און רע ׳בייז, שלעכט׳. דאָס איז אַן עטימאָלאָגיזאַציע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם כאָלעראַ (פֿגל. יידיש כאָליערע, רוסיש холера, פּויליש cholera א.א.וו.). ווי באַקאַנט, שלום־עליכם און מסתּמא אויך אַ טייל פֿון זיינע מיטצייטלער פֿלעגן אפֿילו אין יידיש שרייבן חולירע אָדער חולי־רע עלעהיי ס׳וואָלט געווען אַ לשון־קודשדיק וואָרט.

דער שאַפער פון חולי־רע וואָלט אפשר געקענט צוריק טענהן אַז דאָס איז גאָרניט קיין נייע לעקסעמע ווייל איר מקור געפינט זיך אין קהלת (6: 2) וואו עס שטייט בפירוש:

> איש אשר יתן לו האלהים עשר ונכסים וכבוד ואיננו חסר לנפשו מכל אשר יתאוה ולא ישליטנו האלהים לאכול ממנו, כי איש נכרי יאכלנו זה הבל וחלי רע הוא.
>
> [לויט יהואש: אַ מענטש וואָס גאָט שענקט אים עשירות און גיטער און כבוד, און אים גייט ניט אָפּ פאַר זיך קיין זאַך פון אַלץ וואָס ער גענלוסט, אָבער גאָט האָט אים ניט געגעבן קיין שליטה צו עסן דערפון נאָר אַ פרעמדער מענטש עסט עס. דאָס איז נישטיקייט, און אַ פאַרדראָסיקער ווייטאָק].

די ניי־שאַפונג חולי־רע האָט ניט מאריך ימים געווען און היינט־צו־טאָג באַניצט מען דעם אינטערנאַציאָנאַלן כּולֶרָה גופא. פונדעסטוועגן האָט די אַלטע פאָרעם געשאַפן אַ צעמישעניש צווישן עברית ריידער וואָס שרייבן דאָס וואָרט אויף איינעם פון די פאָלגנדיקע היברידיזירטע אופנים – כולירע און חולירה.

דער דאָזיקער פאַל האָט צו טאָן מיט דער טראַדיציע פון פראַזעאָלאָגישער פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע וואו אַן אינטערנאַציאָנאַליזם ווערט עטימאָלאָגיזירט לויט לשון קודש. אַזאַ מין ״נעאָלאָגיסטישער״ גאַנג איז געווען פאַרשפּרייט ביי די השכלה־שרייבער (1880-1770), ביי וועלכע מ׳געפינט אַזעלכע פאָרמען ווי פּתק־אוויל [psak-evil] — בוכשטעבלעך ׳אַ נאַריש־צעטל׳ — פאַר פּאַסקוויל (אָדער פּאַשקוויל), קנה און [kne on] — בוכשטעבלעך ׳אַ רער פון מאַכט׳ — פאַר קאַנאָן ׳האַרמאַט׳ (דאָס לעצטע איז פאָרגעלייגט געוואָרן פון די אַזוי גערופענע המאספים 1829-1784, זע וועגן זיי קלויזנער 1954: 73-59). אַן אַנדער פאַל, פאַר וועלכן איך האָב דערווייל ניט קיין בפירושדיקן אויפווייז, איז דער אויסדרוק מעשן לו כמו תוף [mea'šen lo kemo 'tof] — בוכשטעבלעך ׳(ער) רייכערט זיך ווי אַ פּויק׳ — פאַר מאַשין־לאָקאָמאָטיוו. אָבער פאָנאָ־סעמאַנטישע טראַנספּאָזיציע ביי די השכלה שרייבער איז אַ באַזונדערע טעמע.

## סך־הכל

יידיש האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין פאַרמאַסקירטער אַנטלייאונג אין עברית בכלל און אין פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע בפרט. דווקא די פאַלן פון פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע, וואָס זענען זייער ברייט פאַרשפּרייט, ווערן אינגאַנצן איגנאָרירט אין דער טראַדיציאָנעלער קלאַסיפיקאַציע פון די מקורות פון לעקסיקאַלישער באַרייכערונג. פון דעם פּוריסטישן שטאַנדפּונקט איז די פאָנאָ־סעמאַנטישער טראַנספּאָזיציע אַן אידעאַלער מיטל איינצופירן נייע ווערטער, ווייל דער פרעמדער מיטווירקנדיקער מאָדעל בלייבט פאַרמאַסקירט. דערצו נאָך איז עס אַ זייער עפעקטיווער מיטל כדי ״איבערצוניצעווען״ די אַלטע, האַלב אָדער אינגאַנצן פאַרגעסענע לעקסעמען.

טעאָרעטיש איז עס זייער וויכטיק צו באַניצן דעם באַגריף אינטערנאַציאָנאַליזם (פגל. וועקסלער). אָפט גייען די אינטערנאַציאָנאַליזמען דורך דעם פּראָצעס פון פאָנאָ־סעמאַנטישער

טראַנספּאָזיציע. דעריבער איז עס צומאָל שווער צו מאַכן אַן אונטערשייד צווישן דער השפּעה פון יידיש אַליין און דער השפּעה פון ביידע — סיי פון יידיש און סיי פון סלאַווישע שפּראַכן (פּויליש און רוסיש) צוזאַמען. די סיבה דערפון קען זיין אַז די ערשטע ריידער פון עברית האָבן מער גערן אָנגענומען דווקא יענע ווערטער אין יידיש, וועלכע האָבן זיי אויסגעזען ווי "פּונקט די זעלבע" ווי אין פּויליש אָדער רוסיש. נאָכמער, ס'רוב אינטערנאַציאָנאַליזמען האָט מען משמעות במילא באַנומען ווי פרעמדע, "ניט־קיין־יידישע" ווערטער אין יידיש גופא.

אַצינד אָנהייב דעם דריטן יאָרטויזנט לויט דער אַלגעמיינער צייטרעכענוג, ווערט אונדזער וועלט וואָסאַמאָל מער ענלעך אויף אַ גלאָבאַל שטעטל, וואָס ברענגט מיט זיך אַלץ מער און מער אינטערקאָמוניקאַציע און נייע קאָמוניקאַטיווע טעכנאָלאָגיע. די ווערטער קומען און גייען צווישן שפּראַכן אָן שום שוועריקייטן. דאָס וואָרט פאַרשפּרייט זיך גיכער ווי ווען־ניט־איז אין דער פאַרגאַנגענהייט און דער פּראָצעס וועט אַפנים נ י ט ווערן גיכער אין דער צוקונפט, ווייל אין דער צוקונפט וועט די צאָל שפּראַכן זיך פאַרקלענערן. טאַקע דערפאַר איז עס אַזוי וויכטיק היינט־צו־טאָג צו פאָרשן שפּראַך־קאָנטאַקט בכלל און יידיש בפרט.

## ביבליאָגראַפישע קוועלן


אַבראַמאָוויטש, ש. י. 1866 —

*ספר תולדות הטבע*... חוברת ב: *העוף*, זיטאָמיר, תרכ"ז.

אַוטי, ר. 1973 —

Auty, R. 'The Role of Purism in the development of the Slavonic Literary Languages', *Slavonic and East European Review* 51: 335-43

בלאַנק, חיים 1989 —

*לשון בני אדם*, ירושלים: מכון ביאליק.

גוסמאַני, ר. 1973 —

Gusmani, R. *Aspetti del prestito linguistico*. Libreria scientifica editrice.

גערדענער, וו. 1986 —

Gerdener, W. *Der Purismus im Nynorsk: Historische Entwicklung und heutiger Sprachgebrauch*, Münster.

דעראָי, ל. 1956 —

Deroy, L. *L'emprunt linguistique*. Paris: Belles Lettres.

האַוגען, איינאַר 1950 —

Haugen, Einar (I). 'The Analysis of Linguistic Borrowing'. *Language* 26: 210-31. Baltimor: Waverly.

האַזשעזש, ק. 1986 —
Hagège, C. (First edition: 1985). *L'homme de paroles: Contribution linguistique aux sciences humaines*. Librarie Arthème Fayard.

הד, אוריאל 1954 —
Heyd, Uriel. *Language Reform in Modern Turkey*. Jerusalem: The Israel Oriental Society.

ווײַנרײַך, אוריאל 1963 —
Weinreich, Uriel. *Languages in Contact*. The Hague – Paris: Mouton. (Originally published as Number 1 in the series 'Publications of the Linguistic Circle of New York', New York, 1953).

וועקסלער, פּאָל 1990 —
Wexler, Paul (N). *The Schizoid Nature of Modern Hebrew: a Slavic Language in Search of a Semitic Past*. Wiesbaden: Otto Harrassowitz.

טאָמאַס, ג. 1988 —
Thomas, G. 'Towards a Typology of Lexical Purism in the Slavic Literary Languages'. *Canadian Slavonic Papers* 30:95-111.

- - 1991 —
Thomas, G. *Linguistic Purism*. London – New York: Longman.

לע־פּאַזש, ר. 1974 —
Le Page, R. B. 'Processes of Creolization and Pidginisation'. *New York Papers for Linguistics* 4: 41-69.

מאָסקאָוויטש, וואָלף און גורי, יוסף 1982 —
״לעקסיש־סעמאַנטישע השפעה פון יידיש אויפן מאָדערנעם העברעאיש״, *הקונגרס העולמי למדעי היהדות*, 8, 4: ע״ע 69-75, ירושלים, תשמ״ב.

מילהויזלער, פּיטער 1982 —
Mühlhäusler, Peter. 'Etymology and Pidgin Languages'. *Transactions of the Philological Society*: 99-118. Oxford.

סדן, דב 1955 —
״דילוג רב וכיוצא באלה (בישומי לשון)״, *לשוננו לעם*, 54-55: ע״ע 33-43.

- - 1989 —
*חיים נחמן ביאליק — דרכו בלשוננו ובלשונותיה*, תל אביב: הקיבוץ המאוחד.

סיוון, ראובן 1963 —
*צורות ומגמות בחידושי הלשון העברית בתקופת התחייה*, דיסרטציה — האוניברסיטה העברית, ירושלים, תשכ״ד.

סימפסאָן דזשאָן און עדמאָנד ס.ס. ווײַנער 1989 —

Simpson, John A. and Edmund S.C. Weiner (eds) (Second Edition). *The Oxford English Dictionary*. Oxford: Clarendon Press (OED).

צוקערמאַן, גלעד 2003 —

Zuckermann, Ghil'ad. *Language Contact and Lexical Enrichment in Israeli Hebrew*. London – New York: Palgrave Macmillan.

צרפתי, גד בן־עמי 1976 —

"האטימולוגיה העממית בעברית המודרנית — סיום", *לשוננו לעם*, 40: ע"ע 117-141.

קים, א. 1989 —

Kihm, A. 'Lexical Conflation as a Basis for Relexification'. *Canadian Journal of Linguistics* 34 (3): 351-76.

קלויזנר, י. 1954 —

*קיצור ההיסטוריה של הספרות העברית בת זמננו*, ירושלים: מדע.

# ירושלימער אלמאנאך

צייטשריפֿט
פֿאַר ליטעראַטור,
קולטור
און
געזעלשאַפֿטלעכע
פּראָבלעמען

28 תשס"ח

# ירושלימער
# אַלמאַנאַך

צייטשריפט
פֿאַר ליטעראַטור, קולטור און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

**28**

גרינדער און הויפּט רעדאַקטאָר:
יוסף קערלער ע"ה

רעדאַגירט:
דוב־בער קערלער

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פֿון
סאַנדראַ און ראָבערט באָרנס פּראָגראַם פֿאַר יידישע לימודים
ביים אינדיאַנאַ אוניווערסיטעט אין בלומינגטאָן, אינדיאַנאַ
און בשותפות מיט
דעם ווילנער יידישן אינסטיטוט ביים ווילנער אוניווערסיטעט
און
דעם יונג־יידיש צענטער אין ירושלים

תשס"ח

גרינדער און ערשטער רעדאַקטאָר (1973–1998): **יוסף קערלער ז״ל**

◆

ערשטער מיטרעדאַקטאָר (1974–1982): **דוד ספאַרד ז״ל**

צווייטער מיטרעדאַקטאָר (1982–1992): **אפרים שעדלעצקי ז״ל**

דריטער מיטרעדאַקטאָר (1993–1998): **דוב־בער קערלער**

◆

רעדאַקטאָר: דוב־בער קערלער

קאָרעקטור: לאַריסאַ פּריוואַלסקי, רות לעווין

פּאָליגראַפֿיע: מיכאל בר־שלו, רות לעווין און סוועטאַ מויבער

◆

די פּובליקאַציע פֿון שלמה מיכאָעלסעס פּיעסע ווערט באַגלייט מיט ספּעציעל צוגעקליבענע בילדער פֿון דער קאָלעקציע פֿון הילל (גריגאָרי) קאַזאָווסקי אין ירושלים. מיר דאַנקען האַרציק פֿרײַנד קאַזאָווסקי פֿאַר זײַן דערלויבעניש זיך צו באַנוצן מיט די גאָר זעלטענע מאַטעריאַלן.

דער ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ איז אויך זייער דאַנקבאַר דעם ייִוואָ אינסטיטוט אין ניו־יאָרק פֿאַר דערמעגלעכן אונדז צו נוצן זײַן רײַכן בילדער אַרכיוו פֿאַר די אַרטיקלען פֿון אברהם ברומבערג ע״ה, מישאַ לעוו יבלח״א און די פּראָפֿעסאָרן ישראל לעמפּערט נ״י און שאַרונאַס ליעקיס נ״י.

◆

ISSN 0334-9594

©
All rights reserved
כל הזכויות שמורות
״ירושלימער אַלמאַנאַך״, תשס״ח

Printed in Jerusalem, Israel
2008 נדפס בישראל
בדפוס ״צור־אות״, ירושלים, טל. 02–5389776



## אין יידישן וואָרט: נייע איבערזעצונגען

בערנאַרד מאַלאַמוד / דער יידישער פויגל (פון ענגליש: מרים האָפמאַן) 268
אתגר קרת / דריי דערציילונגען (פון עברית: וועלוול טשערנין) 273
דמיטרי קימעלפעלד (ירושלים) / זינגלידער (פון רוסיש: וועלוול טשערנין) 280
רועי חן (תל אביב) / די פּאָסט־מאַרקע (פון עברית: רות לעווין) 285
לעאָניד דאַיען (לואיוויל, קענטאָקי) / בטחון (פון רוסיש: שרה זינגער) 289

## באַמערקט, געפונען, פאַרצייכנט

אברהם גרינבאַום (ירושלים) / מיכל גאָרדאָן און זיין ״געשיכטע פון רוסלאַנד״ 292
משה לעמסטער / סאָניע זאַנדרונסקי דער בדחן פון ביאַליסטאָק 298
וואַסילי שטשעדרין (באָסטאָן) / דער בויער צווישן חורבות: דער בראשית
פון סאָוועטישן יידישן טעאַטער און די קורצע פּיעסע פון שלמה מיכאָעלס 306
דוב־בער קערלער (בלומינגטאָן) / עטלעכע באַמערקונגען פונעם איבערזעצער 313
שלמה מיכאָעלס / דער בויער (פּיעסע) 317
דיעגאָ ראָטמאַן (ירושלים) / דער יידישפּיל־טעאַטער: צווישן אויפלעבונג און
געשטאַלטיקונג פון עבר 323

## געשטאַלטן און גורלות

משה קיאַק (בוענאָס איירעס) / זיגמונד פרויד און דער האַלסמאַן־פּראָצעס 346
קאַטערינאַ טשאַפּקאָוואַ (פּראָג) / קאַפקאַ און דער יידישער טעאַטער: די מזרח־אייראָפּעאישע
יידן אין די אויגן פון פּראָגער יידן 362
אלכסנדר שפּיגלבלאַט (פּתח תקווה) / אין וועלפישן יאָרהונדערט: דוד האָפשטיין און
אָסיפּ מאַנדעלשטאַם 372
שאַרונאַס ליעקיס (ווילנע) / זלמן רייזענס גורל און די ווילנער פּאָליטישע ענדערונגען 378
ישראל לעמפּערט (ווילנע) / אַ קאַטעדרע פאַר יידישער פילאָלאָגיע אין ירושלים ד׳ליטא 385
לייזער לובאַרסקי (תל אביב) / דאָס מסירות־נפש פון דוב גאַפּאָנאָוו 390
יחיאל שיינטוך (ירושלים) / פּראָפ׳ שמואל ווערסעס איז געוואָרן בן־תשעים 395

## לשון, סטיל, פאָרעם

יצחק לודען (תל אביב) / אַ ביסעלע באַשיידנקייט וואָלט ניט געשאַט 399
הירשע־דוד קאַץ (ווילנע) / ווערטער וועגן ווערטער 402
גלעד צוקערמאַן (בריסביין) / פאַרמאַסקירטע אַנטלייאונג: יידישע לעקסישע השפעה
אויף עברית 418

# YERUSHOLAIMER ALMANAKH

periodic collections for Yiddish literature and culture

28

Founder and Editor-in-Chief
Josef Kerler
(1918-2000)

Editor
Dov-Ber Kerler

published with the assistance of
ROBERT A. AND SANDRA S. BORNS JEWISH STUDIES PROGRAM
Indiana University
in partnership with
THE VILNIUS YIDDISH INSTITUTE
Vilnius University
and
THE YUNG YIDDISH CULTURAL CENTER
Jerusalem

2008